# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת ויחי תשפ"ד שנה י | גליון מס' 514

בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג



ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

### פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

## א 'תעלא בעידניה' אין עבודת ה'

**"וַיֹּאמֶר הִשָּׁבְעָה לִי וַיִּשָּׁבַע לוֹ וַיִּשְׁתַּחוּ יִשְׂרָאֵל עַל רֹאשׁ הַמִּטָּה" (מז לא)**

אויף די ערציילונג פון די תורה אז יעקב אבינו האט זיך געבוקט צו יוסף הצדיק ברענגט רש"י אראפ די ווערטער פון די גמרא אין מסכת מגילה (טז ב) אז נאך דעם וואס יוסף האט געשוואוירן פאר זיין טאטע אז ער וועט אויספירן זיין בקשה און אים ארויפטראגן פון מצרים, האט זיך יעקב אבינו געבוקט פאר אים און ער לייגט צו די באקאנטע פתגם וואס מען זאגט אין אזא צייט: "תעלא בעידניה סגיד ליה" [א פוקס אין זיין צייט - דהיינו ווען ער איז גרויס און דו דארפסט אנקומען צו אים - בוק זיך צו אים].

דער בעל ה'**תשובות והנהגות**' ברענגט אראפ אז אין די שטיקל איז דא א רמז נפלא אויף עבודת ה'. עס טרעפט זיך אמאל אז א איד האט א שטארקע הארה אין עבודת ה', און וואס ער זאל עס ברענגען אויף זיך.

א איד דארף וויסן אז דאס איז א מתנה פאר אים, אין די בחינה פון 'תעלא בעידניה'. דער איד דארף עס אויסנוצן און עס נישט פארלאזן, ווייל דאס איז אן עת רצון, אז ער זאל מעורר זיין רחמים אויף זיך און אויף זיינע ארומיגע, ווייל אז ער וועט עס אויסנוצן, וועט ער ממשיך זיין אויף זיך רחמים רבים.

'טעם ודעת'

## דער באשעפער איז מקיים דער רצון פון דעם צדיק

**"וַאֲנִי נָתַתִּי לְךָ שְׁכֶם אַחַד עַל אַחֶיךָ אֲשֶׁר לָקַחְתִּי מִיַּד הָאֱמֹרִי בְּחַרְבִּי וּבְקַשְׁתִּי" (מח כב)**

דער "בְּחַרְבִּי וּבְקַשְׁתִּי" טייטש דער תרגום אונקלוס: "בצלותי ובבעותי".

לכאורה איז שווער אז ביידע ווערטער סיי "צלותי ובעותי" - מיינען תפילה און פארוואס פעלט זיך אויס אז מען זאל זאגן אויף איר צוויי ווערטער, עס וואלט געווען גענוג אז מען זאל זאגן איין ווארט?

נאר געט צו פארשטיין **רבי משה חיים אפרים מסדילקוב:**

אז עס איז אמת אז "צלותי" טייטש תפילה אבער "בעותי". טייטש רצון, ווי מיר זען אין ש"ס 'איבעית אימא' אז אויב דו ווילסט קענסטו אזוי זאגן.

מיט'ן נוצן די לשונות האט יעקב אבינו געוואלט ארויסברענגען אז אסאך מאל וועט דער רבוש"ע טון פאר א איד זיין רצון אויף אן וואס ער זאל דאווענען פאר אים ווי עס שטייט (תהלים קמה יט): "רְצוֹן יְרֵאָיו יַעֲשֶׂה".

'דגל מחנה אפרים'

## פניני אמונים

### פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

## אמן – א חלק פון די ברכה

פאר אסאך ווי אונז זעט אויס דער 'ענטפערן' אמן נאך א ברכה ווי א צווייטער זאך. עס איז דא דער וואס מאכט די ברכה, עס איז דא דער וואס ענטפערט 'אמן', עס איז צוויי באזונדערע זאכן, אבער ווען מען קוקט אריין אין די פוסקים זעט מען אז עס נישט אזוי. דער אמן מיט די ברכה איז איין זאך, עס איז א חלק פון די ברכה, דער וואס ענטפערט דער אמן איז משלים דער צווייטער חלק פון די ברכה.

ווען מען קומט אן צו א קלארקייט אין די נושא זעט מען אויף צוריקצוועגס ווי וויכטיג און ווי קריטיש עס איז דער ענטפערן אמן אויף א ברכה.

טראץ וואס מיין שטייגער איז נישט אריינצומישן הלכה'דיגע נושאים אין דעם קאלום, מיט דעם אלעם וועל איך זיך נישט אפהאלטן אראפצוברענגען דא די קלארע ווערטער פון רש"י אין מסכת ברכות וואו מען זעט אויך דער דערמאנטער געדאנק אז דער אמן איז א חלק פון די ברכה.

רש"י אין מסכות ברכות דף מז [עמוד א' ד"ה עד) שרייבט בזה הלשון: **"אף עניית אמן מן הברכה היא"**.

די זעלבע געדאנק ווערט אויך אראפגעברענגט אין שלחן ערוך (או"ח קסז טז, ע"פ משנ"ב שם ס"ק פה) און עס ווערט דארט אזוי גע'פסק'נט להלכה.

די געדאנק איז אויך דא מפי הסברא. דער טייטש פון די ווארט 'אמן' איז דאך 'אמת' און אויב עס וואלט ווען געווען א זאך פאר זיך האט עס נישט קיין שום פשט. מען זאגט אז עס איז 'אמת' אבער מען זאגט נישט וואס עס איז אמת. נאר, אז מען בינדט עס צו צום ברכה פון פריער, האט עס א פשט, מען זאגט אז וואס איך האב יעצט געזאגט איז אמת. איך באשטעטיג אז וואס מען האט יעצט געזאגט איז אן אמת'ע זאך און פון זיי ביידע ווערט א שלימות אין די ברכה.

נאך אן ארט פון וואו מען קען זען אז ביידע גייען צוזאמען איז פון די הלכה'דיגע פליכט אז צווישן די ברכה און דער 'אמן' מעג נישט זיין קיין הפסק.

ביז אהער האט מען שוין גענוג ערטער וואו מען קען זיך איבערצייגן די געדאנק אבער אויב זוכט מען נאך א באשטעטיגונג צו דער געדאנק קען מען עס טרעפן אין דער פסוק פון תהלים [לד. ד.]: "גדלו לה' אתי ונרוממה שמו יחדו.

אין דעם קאפיטעל רופט דער משורר אויס צום צווייטן און זאגט צו אים לאמיר מאכן די ברכה אינאיינעם, לאמיר מגדיל זיין שמו יתברך 'אתי'.

אבער ווי אזוי איז שייך עס זאל זיין 'אתי'? נאר מיט'ן אמן, אז מען וועט ענטפערן אמן וועט מען קענען מרומם זיין שמו יתברך צוזאמען און ווי דער פסוק ענדיגט זיך 'ונרוממה שמו יחדו', ווייל די שלימות פון א ברכה איז נאר ווען מען מאכט עס צוזאמען.

די ווינטש פון יעדן איד וועט אייביג זיין אז וואס ער בעט און וואס ער האפט זאל מקויים ווערן בשלימות. די אויסקוק פאר שלימות טרעפן מיר אויך אין די לשון פון די ברכה 'ברכה שלימה', אדער ווען מען בעט פאר די גאולה בעט מען עס זאל זיין א 'גאולה שלימה' אדער א 'רפואה שלימה'.

מען שטרעבט צו שלימות און אז מען וויל שלימות אין די ברכה דארף מען זיכערמאכן אז די ברכה וואס מיר מאכן זאל זיין בשלימות און א שלימות'דיגע ברכה איז א ברכה וואס מען האט מען געענטפערט אויף איר אמן.

מיט א תפלה צו הקב"ה אז ער זאל שיקן א שלימות'דיגע רפואה פאר אלע חולי ישראל און פאר די פארוואונדעטע און א גאולה שלימה פאר די אלע געפאנגענע און א ברכה שלימה פאר אלע אידן, יעדער איינער אין זיין געביט.

**בברכה און מיט א קריאה**
**פון 'ונרוממה שמו יחדיו'**

**שבת שלום**

יעקב דוב מארמארשטיין

# — די 'מחלה' ווערט פארשוווינדן —

מען האט שוין אסאך געשריבן איבער די אויסטערלישע כח וואס די 'אשר יצר' ברכה געהאלפן צו ווערן פאר קראנקע.

די מעשה וואס איך גייט דא ליינען איז נאך א מעשה וואס געט ארויס די גרויסע כח וואס דער מאכן די ברכה

**דער יונגערמאן האט געוואוסט וואס ער האט צו טון. מיט א פרישקייט האט ער זיך געשטארקט אין די קבלה טובה אבער דאסמאל האט ער צוגעלייגט עפעס.**

פון אשר יצר האט אין זיך.

רוב פון אונז ווייסן נישט וואס דער ווארט 'קאליטיס' מיינט אבער פאר די וואס ווייסן יא איז עס א קאשמארישע זאך. עס ציילט זיך פון די קרענק וואס די דאקטורים האבן נאכנישט דערפינדן אויף איר קיין היילונג, זיי ווייסן אויך נישט צו זאגן וואס איז דער גורם דערצועס איז א מאגן קרענק און עס איז געבינדן מיט שרעקעליכע יסורים.

ווען מען האט דיגאנאזירט א יונגערמאן מיט די מחלה, האט דער דאקטאר געשפירט פאר וויכטיג צו ערקלערן פאר דעם יונגערמאן אז ער זאל וויסן אז עס האט נישט קיין היילונג, אז עס איז פארבינדן מיט גרויסע יסורים און אז עס האט בעסערע צייטן און שוואכערע צייטן.

דער דאקטאר האט גערעדט מיט א שטארקקייט ווי' עס איז זיכער אז ער האט עס אבער דער יונגערמאן איז נישט געווען גרייט עס אנצונעמען.

"דער באשעפער איז דער רופא חולים". האט ער געטראכט צו זיך און געוואוסט אז זייטיג צו אויספאלגן די עצות פון דעם דאקטאר מוז ער אויך טון עפעס רוחניות'דיג וואס זאל אים צוהעלפן אז די מחלה זאל אוועקגיין.

נאך אסאך אריינטראכטן און זיך דורכרעדן מיט זיינע רבי"ס האט ער באשלאסן אז ער גייט זיך שטארקן אין מאכן די ברכה פון אשר יצר שטייט און רואיג, פון א כתב.



מיט א שטארקקייט האט ער זיך פארגענומען די קבלה טובה. אויך ווען עס האט זיך געמאכט אז דא, דארט, האט ער פארגעסן פון דעם, האט ער נישט געהויבן הענט, נאר זיך געשטארקט אין דעם ווייטער און אנגעהויבן מיט א פרישקייט נאך אמאל, ווי' גארנישט וואלט נישט פאסירט.

ווען ער איז א שטיק צייט שפעטער געווען אויף א באזוך ביי דער דאקטאר האט אים דער דאקטאר געזאגט אז ער זעט א שטארקע בעסערונג.

די ווייטאגן האבן נאכגעלאזט אבער די טעסט'ן האבן געוויזן אז די קרענק איז נאך אלץ דא אין זיין קערפער.

פון יענער געשעעניש איז אריבערגעלאפן גאנצעטע דרייצן יאר. דער איד האט נישט געליטן פון די קרענק און מיט די צייט האט ער זיך נאכגעלאזט אין דעם שפירנדיג ווי די זאך איז שוין פארביי".

אין יענער צייט האט ער נאך אמאל אנגעהויבן שפירן די ווייטאג'ן, ער האט באשטעלט א פרישער באזוך ביי א פראפעסאר. דער פראפעסאר האט אים אונטערזוכט אבער אויסער'ן באשטעטיגן אז ער ליידט נאך פון די קרענק האט ער נישט געהאט וואס צו באניי'ען.

דער יונגערמאן האט געוואוסט וואס ער האט צו טון. מיט א פרישקייט האט ער זיך געשטארקט אין די קבלה טובה אבער דאסמאל האט ער צוגעלייגט עפעס.

אויסער די ברכה פון אשר יצר האט ער זיך אויך געשטארקט אין די ברכה פון רפאנו און אנגעהויבן איינזינען האבן ביי איר מיט די גרעסטע מאס כוונה.

ווען ער האט זיך א שטיק צייט שפעטער צוריקגעקערט צו די דאקטאר פאר אן אונטערזוכונג, האט דער דאקטאר נישט געגלייבט וואס ער זעט, די מחלה איז פארשווונדן געווארן ווי' עס וואלט קיינמאל נישט געווען דארט.

דער פראפעסאר האט נישט געוואלט גלייבן, ער האט אים געהייסן מאכן נאך אן אונטערזוכונג. דאסמאל האט ער געבעטן אז די אונטערזוכונג זאל זיין גרינטליכער און ארומנעמענדער אבער צו זיין וואונדער האט זיך ארויסגעשטעלט אז ער איז ריין פון די קרענק.

אלע האבן פה אחד אנגענומען אז עס איז א נס גלוי.

די דאקטורים האבן עס נישט געקענט גלייבן אבער דער יונגערמאן האט גוט געוואוסט פון וואס דאס קומט און אז ער האט געהאט די ישועה אין זכות פון די קבלה טובה, צו מאכן ערליך די ברכה פון אשר יצר און איינזינען האבן ביי רפאנו.

'ברכי נפשי' וישלח עמ' תנה

# דער עניית אמן איז א חלק פון די ברכה

## די מנהג חסידים ואנשי מעשה

**עס איז דא חסידים ואנשי מעשה וואס וועלן נישט מאכן קיין ברכה ביז ווען זיי וועלן טרעפן איינער זאל ענטפערן אמן אויף זייער ברכה און אזוי ארום וועלן זיי זוכה זיין אז די ברכה וואס זיי מאכן זאל זיין א ברכה שלימה.**

מקורות וביאורים:

אין ספר 'יסוד ושורש העבודה' (שער האשמורת פרק י) שרייבט ער אז עס איז ראטזאמער זאך אז א מענטש זאל משמיע זיין זיינע ברכות פאר א צווייטן, אויב עס איז מעגליך, ווייל אזוי ארום וועלן אנדערע ענטפערן אמן אויף זיין ברכה. אין ספר אוהל יצחק (בהערה לאות קעו) איז דער פולונסקער רב רבי צבי יחזקאל מיכלזון זצ"ל מעיד אז זיין זיידע דער רבי ר' שמעלקא פון ניקלשבורג זי"ע האט פאר זיין פטירה מעיד געווען אז ער האט אייביג מקפיד געווען נישט צו מאכן קיין ברכות המצות אדער א ברכת הנהנין, נאר אויב עס איז געווען איינער וואס זאל ענטפערן אמן נאך די ברכה.

דערביי האט ער געגעבן צו פארשטיין פארוואס ער האט אזוי מקפיד געווען אויף דעם ווייל ווען א איד מאכט א ברכה ווערט באשאפן פון די ברכה א מלאך און דער מלאך וועט נישט זיין גאנץ ביז ווען מען וועט ענטפערן אמן אויף די ברכה. דער צדיק רבי שמעלקא האט ביי יענעם געלעגנהייט דערציילט אז אמאל איז ער געווען אונטערוועגנס און ער האט געדארפט מאכן א ברכה אשר יצר און ער האט נישט געהאט פארוועמען עס צו זאגן.

פלוצלונג זענען צוויי אידן ארויסגעקומען פון די וואלד. דער צדיק האט געמאכט פאר זיי א ברכה. גלייך ווי נאר זיי האבן געענדיגט צו ענטפערן אמן איז געקומען צו זיי א וואלקן און זיי זענען פארשוואונדן געווארן, און ער האט אויפגעהערט צו זען זיי.

פון דעם האט ער פארשטאנען אז זיי זענען געווען די מלאכי' השרת און אז מען האט זיי עקסטער אראפגעשיקט פון אויבן אז זיי זאלן ענטפערן אמן אויף זיין ברכה.

אן ענליכע מעשה ווערט דערציילט אויף רבי חיים וואלאזשינער ז"ע. אויך ער האט זייער מקפיד געווען אויף דעם און מען האט אים אמאל מזמין געווען א בחור פון הימל וואס זאל קומען ענטפערן אויף זיין ברכה.

אין 'ברכת אברהם' (ברכות מז א) ברענגט ער אז דער מנהג פון הגר"ח מוואלאזשין זי"ע האט זיך געגרונטעט אויף דעם אז לויט אסאך פוסקים איז דער ענטפערן אמן א חלק פון די ברכה און ער ברענגט דארט אז דאס איז אויך געווען די דעת פון דעם גר"א.

עס איז כדאי אנצווייזן אז אויסער וואס מען דארף זוכה זיין איינער וואס זאל ענטפערן אמן איז אויך דא א חיוב צו מאכן א ברכה בקול ווייל אז נישט איז עס גזל, מען גזל'ט אוועק פון די ארומיגע דער אמן. די זעלבע ווערט אויך געברענגט אין ספר חסידים (תתכ, והובא דבריו ב'ביאור הלכה' קלט ו) אז א איד וואס מאכט א ברכה שטילערהייט גזל'ט אוועק פון דעם ציבור די מצוה פון עניית אמן.

## אגרות אמונים
### א בריוו פון א געטרייער לייענער

לכבוד מערכת 'וכל מאמינים'

ברכת ה' עליכם

אין דער מדור 'פתחו שערים' וואס איז ערשינען אין פרשת תולדות האט מיין טייערער ברודער הרב יעקב דוב שליט"א דער נשיא פון בני אמונים אראפגעברענגט א שיינער דערהערונג די אמן.

נאכ'ן אראפברענגען די ווערטער פון דער כלי יקר אז די כוונה פון יעקב אבינו מיט'ן אנכאפן די 'עקב' איז געווען אז ער נעמט זיך אונטער צו זיין נזהר אין די מצות שאדם דש בעקביו און וועגן דעם האט מען אים א נאמען געגעבן יעקב, האט מיין ברודער צוגעלייגט אז יעקב איז בגימטריא צוויי מאל כמנין 'אמן' און כידוע איז דער 'אמן' פון די מצות שאדם דש בעקביו.

איך האב געטראכט אז מען קען צולייגן נאך א רמז.

אויף דער פסוק (בראשית כה כא): "ויעתר יצחק לה' לנכח אשתו כי עקרה היא", זאגט דער דברי ישראל' פון מאדזשיץ אז רבקה אמנו האט נישט אליין געדאווענט, ער איז געשטאנען קעגן רבקה און געענטפערט נאך זיין תפילה אמן.

עס קען זיין אז ווייל יעקב אבינו איז געבוירן געווארן אין זכות פון עניית אמן האט מען ארייננגעלייגט א רמז צו דער 'אמן' אין זיין נאמען.

בברכה נאמנה

**הרב אהרן צבי מארמערשטיין - בני ברק**

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102 אדער צו די אימעיל אדרעס: 9139191@gmail.com

# שערי ישועה

## די סגולה פון ענטפערן אמן

אין א טיפער שלאף איז די מ' משפחה געווען פארזינקען אין יענע צופרי שעה'ן ווען דער קליינער אברהמ'לע איז שוין געווען אויף און אנגעהויבן מיט זיינע ווילדע שטיקעס.

א ווילדער אבער א קלוג קינד איז דער קליינער אברהמ'לע. אייביג וועט ער טרעפן א פרישער פאטענט, א געדאנק, מיט וואס איבערצודרייען די שטוב און אריינברענגען אין איר לעבעדיגקייט.

ווען די געווענליכע שטיקעס ווערט אים נמאס וועט ער אנהייבן מיט די אומגעווענליכע אבער די אומגעווענליכע ווען מערערע מאל זיין געבינדן מיט ערנסטע סכנה'ס און אויך היינט איז דאס געווען דער פאל.

קיין איינער האט נישט געזען וואס דער קליינער אברהמ'לע האט אנגעיאגט אפצוטון יענעם אינדעפרי ווען יענער אין שטוב איז געווען פארזינקען אין זייער נאכט שלאף.

אבער איידער מיר כאפן א בליק וואס ער האט אפגעטון אין יענע צופרי שעה'ן לאמיר צוריקגיין אביסל פריער און זיך באקענען מיט די גרויסע שוועסטער פון אברהמ'לע.

מיט א שטיק צייט פריער האט דער גרויסער שוועסטער פון אברהמ'לע אנטיילגענומען אין א ספעציעלע אונטערנעמונג וואס איז פארגעקומען אין סעמינאר. ביי די יענע אונטערנעמונג האט מען געלערנט איבער די חשיבות פון ענטפערן אמן און אלע האבן זיך מקבל געווען אז פאר די קומענדיגע וואכן וועלן זיי נישט מאכן קיין שום ברכה, נאר אויב עס וועט זיך געפינען נעבן זיי איינער וואס קען ענטפערן אמן אויף די ברכה וואס זיי מאכן.

א שווערע קבלה איז עס געווען. נישט אלעמאל האט מען איינעם צו די האנט וואס איז גרייט צו ענטפערן אמן, אבער הערנדיג די גרויסקייט פון די זאך, די ברכה וואס עס איז ממשיך, האבן זיי באשלאסן אז זיי נעמען זיך אונטער די קבלה טובה.

איינס פון די שוועריגקייטן וואס די שוועסטער פון אברהמ'לע האט געהאט מיט די קבלה טובה איז געווען אין די צופרי שעה'ן. ווען די צייט, פלעגט זי אויפשטיין פריער ווי יעדן אנקומען אין סעמינאר צו די צייט, פלעגט זי אויפשטיין פריער ווי יעדן איינעם אין שטוב, אבער זי האט נישט געקענט טרינקען קיין קאווע, זאגן ברכת השחר, ווייל אלע זענען נאך געשלאפן און עס איז קיין איינער נישט געווען נעבן איר צו קענען ענטפערן אמן אויף אירע ברכות אבער דא איז זי צוניץ געקומען די קליינע אברהמ'לע'.

א פריער אויפשטייער איז אברהמ'לע געווען. ווי נאר די זון האט אנגעהויבן ארויסגעבן די ערשטע שטראלן איז ער שוין געווען אויף די פוס און טאג טעגליך פלעגט ער זיך צושטעלן צו זיין שוועסטער און אויסהערן אירע ברכות און ענטפערן אויף זיי אמן.

## דער 'אמן' הענגט אין די לופטן

אויך יענעם אינדערפרי איז זי אויפגעשטאנען און זיך געגרייט צו אנהייבן איר סדר היום און ווען עס איז געקומען צו אנהייבן מיט איר סדר פון ברכות האט זי אנגעהויבן אויפצוזוכן אברהמ'לע.

זי האט אים געזוכט אין זיין בעט, אין קאך, אבער ער איז נישט געווען צום געפינען.

א שרעק האט איר באנומען.

"וואו קען ער זיין?".

אין וויסטן חלום איז איר נישט איינגעפאלן אז דער קליינער אברהמל'ע קריכט אין די מינוטן ארויס פון פענסטער און קריכט ארויף צו די צווייטע שטאט וואו עס געפינט זיך א ליידיגער דאך.

מיט א שטיק צייט צוריק האט מען שוין באמערקט אין שטוב אז דער קליינער אברהמל'ע ציט צו די דאך, אבער עס איז אלעמאל געווען איינער וואס זאל אים אפהאלטן פון אויספירן זיין נארישע שריט, אבער היינט, ווען יעדער איז נאך געווען פארזינקען אין א טיפער שלאף, איז נישט געווען ווער זאל אים אפהאלטן.

מיט א קינדערישע געשיקטקייט איז ער ארויפגעטאנצן אויפ'ן דאך און זיך אנגעהויבן שפילן דארט.

זיין עלטערע שוועסטער האט אים געזוכט. זעענדיג אז ער איז נישט צום געפינען און זעענדיג די אפענע פענסטער האט זי גלייך צוזאמענגעשטעלט וואו ער געפינט זיך און האט ארויסגעשריגן פון צימער צו אברהמל'ע.

"איך בין דא". האט ער אויסגעשריגן מיט איין פאטאס אבער דאסמאל איז זיין קול געווען אויסגעמישט מיט א שטיקל בהלה. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז דאס קינד האט זיך פארפלאנטערט אונטערוועגנס און איז שטיין געבליבן הענגענדיג צווישן די צוים און די דאך, א האר האט געפעלט אז עס זאל געשען א שרעקעדיגע זאך.

אין איילעניש האט זיין שוועסטער אים צוריקגעכאפט און געראטעוועט פון די סכנה.

א פארשעמטער האט זיך דער קליינער אברהמל'ע באדאנקט פאר זיין שוועסטער און איז אריינגעלאפן אין קאך און איר איבערגעגעבן די גלאז קאווע וואס איז שוין געלעגן דארט גרייט פאר איר, אז זי זי זאל קענען מאכן אויף איר א ברכה.

"מאך א ברכה און כ'וועל ענטפערן אמן".

זי האט געמאכט א ברכה אבער יעצט האט די ברכה און די 'אמן' געהאט אן טיפערע און מערקווירדיגע באדייט.

געהערט פון די בעלי המעשה

# שערי גן עדן

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא



דער ציון הק' פון דער מהר"ם א"ש אין די שטאט אונגוואר [אשגראד] אין אוקראיינע.

### דער הייליגער מהר"ם אַ"ש

### כ"ד טבת תרי"ב

דער הייליגער מהר"ם א"ש הגה"ק רבי מאיר אייזענשטאטער זצ"ל איז געבוירן געווארן אין יאר תק"ם אין די שטאט אייזנשטאט צו זיין פאטער רבי יהודה לייב.

אין זיינע יונגע יארן האט ער געלערנט תורה ביי זיין טאטע און שפעטער איז ער געגאנגען לערנען תורה ביי דער גלאגובער דיין רבי רפאל, ווער עס איז שפעטער געווען דער דיין אין די שטאט אייזנשטאט.

אין די שפעטערע יארן האט ער געלערנט ביים הייליגן חתם סופר. ער האט זוכה געווען צו זיין פון די ערשטע תלמידים פון דער חתם סופר, נאך ווען ער האט געדינט אלץ רב אין די שטאט מאטעסדארף.

דורכאויס די יארן האט ער געדינט אלץ רב אין עטליכע שטעט. די ערשטע רבנות האט זיך אנגעהויבן אין יאר תקצ"ה אין די שטאט אונגוואר. דארטן האט ער אויפגעשטעלט די ערשע ישיבה, וואו עס האבן געלערנט אין איר הונדערטע תלמידים, וועלכע האבן שפעטער געדינט אלץ די חשובע רבנים פון אונגארן.

נאך די פטירה פון דעם הייליגן חתם סופר איז דער מהר"ם אש געווען גערעכענט צו זיין פון די אנגעזענסטע רבנים אין אונגארין און ווי דער מנהיג פון יהדות אונגארין. פון אלע שטעט האט מען געשיקט צו אים שאלות און ספיקות אין די סוגיות הש"ס. א גרויס חלק פון זיי זענען שפעטער געדרוקט געווארן אין די ספר שו"ת אמרי אש וואס ער האט ארויסגעגעבן.

דער גאון איז נפטר געווארן כ"ג טבת תר"ב אין די שטאט אונגוואר און ער ליגט אין די בית החיים פון די שטאט אונגוואר.

ביי זיין לויה האט דער כתב סופר מספיד געווען און זיך אויסגעדרוקט אויף אים אז ער איז געווען פון די גרעסטע תלמידים פון מיין טאטע, דער מובר שבבחירי, סיי אין תורה, אין צדקות און אין מידת כידוע. [געדרוקט אין ספר כתב סופר [ירושלים תשמ"ח] עמ' קצ"ט.]

### זעקס אדער זיבן מענטשן

אין ספר זכרון יהודה וואס זיין זון הגאון רבי מנחם אייזנשטאטער האט פארפאסט ברענגט ער אראפ די הנהגות ישרות וואס זיין טאטע האט זיך געפירט מידי יום ביומו. דארטן שרייבט ער אז טאג טעגליך האט זיין טאטע געהאט א מנהג אויסצוהערן ברכות השחר פון מתפללים, ער זאל קענען ענטפערן נאך זיי אמן. (מהד' אונגוואר תרכ"ח, דף יח ע"ב).

און דאס זענען זיינע ווערטער דארט: "הלך לבית הכנסת או לבית המדרש מעוטף בציצית ומוכתר בתפילין, ואמרו לפניו חמשה או ששה אנשים ברכות השחר, והיה עונה אחריהם אמן כדי להשלים צדי"ק אמנים".